# אַ פָּסוּק חוּמָשׁ
## חיזוק פאר די וואך

שׁוֹמֵר גּוֹי אֶחָד, שְׁמוֹר שְׁאֵרִית "עַם אֶחָד",

**תמצית הגליון:**
הויפט מאמר
מוסר השכל
צידה לדרך
מעשה רב

בעזהשי"ת ▪ עקב\ראה תשפ"א ▪ גליון קכז'

# ווער זענען די קינדער?? זיי מאכן מיר אזוי נערוועז!!

### לאמיר זיך באקענען מיט איינע פון די געוואלדיגע מעלות וואס נאר מיר אידן, די עם סגולה, פארמאגן...

אין יעדע קהילה און אין יעדע בית המדרש זענען פאראנען די סארט קינדער וואס מאכן יעדן נערוועז. בעסער געזאגט, "נעבעכדיגע קינדער" וואס קיינער, נישט די ערוואקסענע און נישט די אנדערע קינדער, קוקן זיך אים אויף זיי. לאמיר אריינטראכטן, "וואס ליגט אונטער דעם? **פארוואס מאכן זיי אזוי נערוועז?**"

יא, עס איז אמת אז טיילמאל איז דאס צוליב זייער ווילדע אדער מאנדע התנהגות, אבער איז דאס טאקע דער עיקר סיבה? אפשר איז דא נאך סיבות פארוואס מיר זענען זיי נישט אזוי שטארק מחשיב, "ער קומט נעבעך פון א צובראכענע שטוב...", "זיי האבן נעבעך נישט קיין געלט...", אדער בלויז "זיי פירן זיך אויף מיט אנדערע סטאנדארטן..."

וואס דארף זיין די ריכטיגע מהלך המחשבה פון אן ערליכע איד?

אין איינע פון די פסוקים פון די וואכעדיגע פרשה, ווערט געברענגט איינע פון די געוואלדיגע מעלות וואס מיר אידן פארמאגן, א מעלה וואס איז נישט פאראן ביי קיין איינע פון די אומות העולם...

שטייענדיג יעצט אין די טעג, וואס מיר ריקן זיך נענטער צו חודש אלול ווען דער אייבערשטער זאגט, "**אני לדודי ודודי לי**", לאמיר זיך באקאנט מאכן מיט אט דעם געוואלדיגע מעלה...

## לאמיר לערנען א פסוק חומש און באקומען חיזוק פאר די וואך....

**בְּשִׁבְעִים נֶפֶשׁ יָרְדוּ אֲבֹתֶיךָ מִצְרָיְמָה וְעַתָּה שָׂמְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ כְּכוֹכְבֵי הַשָּׁמַיִם לָרֹב** [א]. (דברים י, כב)

דער פסוק זאגט אונז דא דער געוואלדיגע חיוב וואס מיר האבן צו דאנקן און לויבן דעם גרויסן באשעפער, "קוקט וואס דער אייבערשטער האט געטוהן מיט אייך! איר זענט נאר געווען זיבעציג נפשות ווען איר זענט אראפ קיין מצרים און דער אייבערשטער האט אייך אזויפיל פארמערט אז יעצט זענט איר געווארן אזויפיל ווי די שטערן'ס אין די הימל!"

הגם דאס אליין איז גענוג א סיבה צו דאנקן און לויבן, ווען מען איז מדייק אין דעם לשון הפסוק, געפונען מיר א טיפערע באדייט וואס ברענגט ארויס דאס געוואלדיגע חשיבות פון א איד...

**בְּשִׁבְעִים נֶפֶשׁ יָרְדוּ אֲבֹתֶיךָ מִצְרָיְמָה...** לכאורה דארף מען פארשטיין: וואס איז דער לשון יחיד ווען מען רעדט וועגן "בְּשִׁבְעִים נֶפֶשׁ"? פאר זיבעציג נפשות, וואלט געדארפט שטיין א לשון רבים: בשבעים "נפשות"...

~

צו פארשטיין דעם ענין על בוריה, וועלן מיר קודם אריבערגיין צו איינע פון די טרויעריגסטע קאפיטלעך אין די היסטורי' פון כלל ישראל וואס איז פארגעקומען טאקע אין די טעג, אין דעם חודש **מנחם אב** מיט עטליכע צוויי הונדערט יאר צוריק. דערנאך, וועלן מיר צוריק קומען צו אונזער וואכעדיגע פרשה און מסביר זיין דעם פסוק בטוב טעם ודעת. (אויב איר ווילט גלייך גיין צום תירוץ, קענט איר אריבערמישן צו דף ה')...

[א] דער פסוק איז אונז זייער באקאנט, זאגנדיג דאס אין די הגדה און אין די פסוקים אין פרשת היראה...

פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון, קענט איר זיך פערבינדן מיטן עורך:
torah10952@gmail.com

# גזירת הקאנטאניסטן

**כ"ה מנחם אב שנת תקפ"ז, למס' 1827**

און די צייטן פון דעם רשע נוקאלי דער ערשטער[ב] (אויך גערופן "דער אייזענע צער") האבן די אידן אין רוסלאנד מיטגעמאכט שווערע רדיפות. אין די קורצע דרייסיג יאר פון זיין קעניגרייך, האט ער ארויסגעגעבן אזויפיל ווי 600 גזירות! ווי מען פארשטייט, זענען די גזירות געווען זייער שווער פאר די אידן, אבער דאס ערגסטע איז געווען די שרעקליכע גזירה וואס האט זיך גערופן "**גזירת הקאנטאניסטן**". די גזירה איז ליידער באשטעטיגט געווארן תיכף איין יאר נאך וואס דער רשע איז ארויף אויפן בענקל[ג] און האט ממשיך געווען דורכאויס זיין גאנצע תקופה עד יום מותו, א צייט אפשניט פון בערך דרייסיג יאר[ד], ל"ע.

**זומער כ"ה מנחם אב שנת תקפ"ז** (למספרם 1827), איז ארויס דער געזעץ אז יעדער איינער העכער 18 בלי שום יוצא מן הכלל[ה], מוז דינען אין די מיליטער פאר א מינימום פון 25 יאר. (איבערלאזנדיג ממש נאר געציילטע מענטשן וואס האבן נישט געמוזט גיין, ווי די רבנים און די ראשי קהילה.)

דער רשע נוקאלי האט זיך אבער נישט באגניגט מיט וויפיל מענטשן עס זענען יעצט דא העכער אכצן, נאר ער האט אויך ארויפגעלייגט אזא סארט שטייער (אזוי ווי אנדערע געלט שטייערן) אז יעדע קהילה דארף צושטעלן נאך מיליטערלייט, געוואנדן לויט וויפיל משפחות עס וואוינען אין יענע געגנט. (דרך אגב, דער סכום איז געווען כמעט א דריטל מער פון וואס מען האט געבעטן פון די גויים.) נו, וואס טוט מען אויב עס איז נישט דא אזויפיל? האט מען גענומען אויך פון אונטער אכצן, פון די זיבעצן און זעכצן יעריגע ביז זיי האבן אנגעפילט דעם גאנצן סכום.

די ראשי הקהילה, זיינדיג פארלוירן פון דעם גרויסן סכום וואס זיי האבן געדארפט אהערשטעלן, האבן זיך איינגעבעטן אז מען זאל מעגן שיקן פון אסאך יונגער, פון אזוי יונג ווי 12 יאר אלט!

אויב דעם עצם גזירה איז געווען שווער פאר די אידישע געמיינדע, איז דאס פיל שווערער און ערגער געווארן מיט דעם וואס נוקאלי האט איבערגעגעבן דער גאנצע אויפגאבע אין די הענט פון די ראשי הקהילה...

עס איז געווען זייער שווער אויסצוקלייבן ווער זאל גיין און ווער קען בלייבן... ווער רעדט נאך ווען דער סכום וואס מען האט געדארפט צושטעלן האט געהאלטן אין איין שטייגן[ו] און מען האט אנגעהויבן שיקן קינדער פון אזוי יונג ווי זעקס, זיבן יאר אלט... ווי אזוי וועלט מען אויס איינע איבער דער אנדערע?? די הלכה זאגט דאך קלאר: אין דוחין נפש מפני נפש. ווער גייט און ווער בלייבט??

אויב דער ראש הקהל איז געווען אן ערליכע, האט ער נאך פרובירט ווי ווייט מעגליך צו מאכן א שטיקל סדר. אזוי אויך, האט ער פרובירט זיך אביסל מער רעכענען מיט די קינדער וואס האבן געוואלט זיין ערליך, אנטקעגן די קינדער וואס זענען ליידער פארכאפט געווארן אין די השכלה.

אבער אויב איז ער נישט געווען אזוי שטארק, (אזוי ווי עס איז ליידער געווען ביי אסאך ראשי קהילה,) האט ער זיך גרינגערהייט געלאזט פארדרייען פון די עשירים וואס זענען געקומען מיט גרויסע געלטער אז זייערע קינדער זאלן נישט גענומען ווערן... איי, מען דארף אנפילן דעם סכום פארן צאר, אנשטאט דעם האט מען אריינגעלייגט א יתום אדער אן ארימע קינד, רח"ל...

**ווי א קאנטאניסט דערציילט**[ז]: בלויז צען אדער עלף יאר אלט בין איך געווען ווען איך בין גענומען געווארן צו דינען אין מיליטער. איך בין געווען אן איינציגסטע קינד צו מיין מאמע, אן אלמנה. מיין טאטע ז"ל איז נפטר געווארן איידער איך בין געבוירן געווארן און איך טראג זיין נאמען. מיר האבן געוואוינט אין א שטעטל וואס האט געהייסן פיאטעווקע, פון וועלכע עס זענען מיר געבליבן בלויז אומקלארע זכרונות. זייענדיג א בן יחיד, האב איך נישט געדארפט גיין אין מיליטער לויט'ן געזעץ. אבער זעהט אויס אז דער געזעץ איז נישט געשריבן געווארן פאר ארימעלייט. א רייכער קרוב פון מיין טאטע'ס זייט אדער פון מיין מאמע'ס זייט האט געגעבן שוחד פאר די איינגעשטעלטע און מען האט מיר איינגעשריבן אלץ זיין זוהן און איך בין גענומען געווארן אלץ "כפרה" אנשטאט זיין זוהן...

און דער קאנטאניסט איז ממשיך צו דערציילן זיין צער און ווייטאג וואס ער האט מיטגעמאכט, נישט קענענדיג מער זעהן זיין מאמע אדער קרובים און ווערן אפגעשניטן פון אלעמען אין אזא יונגע עלטער און נאך דערצו, אומ'יושר'דיג...

ווי ביטער איז נעבעך געווען דאס צער פון די אומשולדיגע אלמנה וואס האט נעבעך זיך נישט געקענט בארואיגן, ביז איר מצב האט זיך פארערגערט און זי האט אויסגעהויכט איר נשמה פון אזויפיל צער, רח"ל.

---

[ב] עס זענען געווען צוויי קעניגן מיט די נאמען "נוקאלי". דער צווייטע נוקאלי איז אויך געווען א גרויסע רשע, אבער ער איז געווען אסאך שפעטער, פון שנת תרנ"ד ביז תרע"ז.

[ג] ער איז ארויף אויפן בענקל בשנת תקפ"ו 1825 און איין יאר שפעטער, אין זוממער כ"ה אב שנת תקפ"ז 1827 איז ארויס די גזירה וואס האט אנגעהאלטן ביז די ענדע פון זיין קעניגרייך, אין אדר תרט"ו, למספרם 1855.

[ד] ביז זיין זוהן, דער גרויסע צער אלכסנדר דער צווייטער איז ארויף אויפן בענקל און מבטל געווען עטליכע פון זיין פאטער'ס שטייפע זאכן. צווישן זיי, האט ער אויך מבטל געווען די גזירת הקאנטאניסטן. (טאקע אין דעם טאג **כ"ה מנחם אב, בשנת תרט"ז** 1855, איז דאס בטל געווארן.)

[ה] טוישנדיג דערביי דער מהלך פון ביז יעצט אז א איד האט זיך געקענט אויסקויפן דורך באצאלן א סכום געלט פאר די רעגירונג און באקומען א פטור פון די מיליטער. אגב, די מיליטער האט דאס בכלל נישט געארט, נאר אדרבה, וויבאלד די אידן זענען נישט געווען אייניג מיט זייער גלויבן, איז גאר געווען א טובה פאר זיי אז די אידן זענען נישט געקומען. דאס האט זיך אבער געטוישט ביים יעצטיגן צאר אז יעדער מוז גיין...

[ו] דער סכום פון די מיליטער איז געווארן ביי זיי ווי א געלט שטראף. יעדעס מאל וואס מען האט געוואלט קנס'ן די אידן, האט מען צוגעלייגט אויפן סכום וואס מען האט געדארפט שטעלן צום מיליטער.

[ז] דער אידישער שטראל 1995, אויסגאבע נומער 1127

# דער רב פארציילט...

הרה"צ ר' נפתלי מבאבוב זצוק"ל האט אמאל דערציילט איבער די גזירת הקאנטאניסטן... ער האט דערציילט ווי פאלגנד: אין די שטאט **קובנא** איז געווען אן אלמנה וואס האט נעבעך גארנישט געהאט, נאר איין איינציג קינד. איינמאל, גייענדיג אין גאס, זענען די "כאפערס"[ח] איר אנטקעגן געלאפן און פרובירט ארויסכאפן דאס קליין קינד פון איר הענט. זי האט פרובירט צוריק קעמפן און שטארק אנגעכאפט דאס קינד בשעת'ן שרייען פאר הילף. אבער זעענדיג אז זי לאזט זיך נישט, האט מען איר שטארק צושלאגן און מיט כח ארויסגעכאפט דאס קינד פון איר און אים געטראגן צום פלאץ ווי מען האט געהאלטן די אלע קינדער ביזן איבערגעבן פאר די מיליטערלייט.

די אלמנה איז געווען זייער צובראכן און איז ארום געגאנגען אין די גאסן שרייען און וויינען אז מען האט צוגענומען איר איין איינציג קינד ביז...

**די ידועה איז אנגעקומען צום קובנא רב...** דער רב איז געגאנגען און פארשלאסן דעם שול. ער האט נישט געלאזט דארטן דאווענען ביז מען באפרייט דאס יונגל, זאגנדיג דערביי "אויב מען מעג צוכאפן א קינד פון א צובראכענע אלמה און איבערגעבן פאר די גוים, קען מען קיין שול נישט האלטן אפן!" דאס האט טאקע געהאלפן און מען האט דאס קינד געראטעוועט.

אבער ליידער זענען געווען פיל קינדער וואס האבן נישט געהאט קיין גואל הדם און מען האט זיי יא אוועקגעכאפט אומבארעכטיגטערהייט און אויפגעטוישט פאר אנדערע קינדער...

דער צער פון די משפחה איז אומבאשרייבליך, ווי דער רב האט ממשיך געווען צו פארציילן... דער צער פאר די אומשולדיגע מאמע איז מיטגעגאנגען מיט איר כל ימי חייה. יעדעס מאל וואס זי האט געזעהן דאס אנדערע קינד (פאר וועמען מען האט אויפגעטוישט איר קינד) וואקסט אויף, ווי למשל ער ווערט בר מצוה, האט איר דאס געקרענקט, "**מיין קינד האט יעצט געדארפט בר מצוה האבן**... מיין קינד האט באמת געדארפט דא זיין און דאס קינד דארטן..."

און אזוי ווייטער דורכאויס די אלע יארן האט דער מאמע געלעבט בצער גדול. ווען מען האט אונטערגעפירט דאס קינד לחופה, האט זי געטראכט "**מיין קינד האט מען באמת געדארפט אונטערפירן... אבער ביז דערוויל, ווער ווייסט וואו ער געפונט זיך, איך האב פארלוירן אלע קאנטאקט מיט אים, ווער ווייסט צו ער איז נאך ביים לעבן אדער אומגעקומען אויף קידוש ה'**..." ע"כ.

## די ערליכע אידן לאזן זיך נישט פארפירן...

הגם אין רוב פלעצער איז טאקע אזוי געווען, איז אבער יא געווען אין געציילטע פלעצער וואו די ערליכע אידן האבן דאס נישט צוגעלאזט...

ווי אן איינקל שרייבט איבער זיין זיידע[ט] רבי נפתלי ציוני זצוק"ל, וואס איז געווען רב אין די ליטע, אינעם שטאט לאדזש (דעמאלטס גערופן "לוצין"), וואס ער, צוזאמען מיט זיין זוהן הבחור ר' אהרן זעליג, האבן פאראבעט מעשים צו באפרייען די אידישע בחורים וואס זענען גענומען געווארן מיט צוואנג אין מיליטער.

אין יענע צייטן האט טאקע אפטמאל געהערשט אן אנגעצויגנקייט צווישן די רבנים און די ראשי קהילה, אבער אדאנק די רב'ס מעשים, האבן די ראשי קהילה אין לוצין זיך נישט געפירט אזוי קאלט-בלוטיג ווי אין אנדערע שטעט...

אזוי אויך, האט דער רב פרובירט מחזק זיין די אלע צובראכענע יונגעלער וואס זענען אריבער אין זיין שטאט, בעת דער מיליטער האט איינגעזאמלט נאך קינדער.

ווי א קאנטאניסט דערציילט[י] איבער זיין טראגישע נסיעה, ווי מען האט אים, צוזאמען מיט נאך קינדער, ארומגעשלעפט אסאך וואכן אויף די וועגן, גייענדיג פון שטעטל צו שטעטל זאמלען נאך און נאך קינדער, אלע אין עלטער פון צוועלף ביז פופצן, זעכצן יאר...

ביז זיי זענען אנגעקומען קיין "לוצין", א גרויסע האנדלס-שטעט, ווי עס פלעגן פארקומען די יריד'ן. דארט, האבן זיך די סאלדאטן אפגעשטעלט פאר א ווייל... דער פלאץ ליגט אים נאך איינגעקריצט אין זכרון, וואס צווישן די אלע ביטערע זכרונות, געדענקט ער אין עפיזאד וואס האט דערווארעמט זיין הארץ און נשמה. דאס איז געווען ווען ער האט זיך באגעגנט מיט דעם (אויבערדערמאנטע רב) רבי נפתלי, א איד וואס האט זיך אומגעקוקט אויף זיי מיט אזויפיל ליבשאפט, רחמנות און מיטלייד...

פיר וואכן האבן זיי פארווילט דארטן צוזאמען מיט רבי נפתלי און זיך איינגעזאפט מיט אידישע אינהאלט, דינענדיג אלץ צידה לדרך פאר די קומענדיגע יארן...

ווי דער קאנטאניסט האט זיך אויסגעדריקט, "מיט זיינע ווערטער, האט דער רב אונז אויסגעהיילט פון די געפארפולע קרענק וואס רופט זיך "פיינטשאפט", וואס מיר האבן אלע געהאט קעגן די אידישע באהערנדע..."

## לאמיר זיך אפשטעלן א מינוט און מתבונן זיין...

ווי אזוי האט אזא זאך געקענט פאסירן? וואס טראכט דער מענטש בעת ער נעמט אן ארימע אדער צוקלאפטע קינד און ער טוישט אים אויף מיט זיין קינד?! פארוואס דארף דער קינד זיין די כפרה

---

[ח] דאס איז געווען אזעלכע חברה (טיילמאל קאלטע אידן אבער רוב מאל געמיינע גוים) וואס זענען געדינגען געווארן דורך די ראשי הקהילה צו כאפן די קינדער וואס באהאלטן זיך כדי אנצופילן דעם סכום.

[ט] אינעם ביך "בלייבן א איד", ארויסגעגעבן דורך ר' יצחק זילבער זצוק"ל, דף 13.

[י] דארט אינעם ביך "בלייבן א איד" דף 23-17, בשם "דער אידישע שטראל"...



פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון אדער צו באקומען וועכנטליך אויף אי-מעיל,
קענט איר זיך פארבינדן מיטן עורך: torah10952@gmail.com

פאר זיין קינד?! איז דאס קינד הפקר חלילה?!

**בעל כרחך, מוז מען זאגן...** אז נישט וועלנדיג, טראכט דער מענטש ביי זיך, "דער קינד איז דאך סיווי א נעבעך... ער איז נישט אזוי וויכטיג פארן כלל ווי מיין קינד! ווער רעדט נאך אין חשיבות, איז ער דאך אודאי נישט דער עושר אדער דער ראש הקהל'ס א זוהן! מיר אלע זענען דאך אסאך חשוב'ער און פיל מער רעספעקטירט ווי די צובראכענע אלמנה... נו, אויב אזוי, איז דאך ממש א שאד נישט צו שיקן דעם קינד אין מיליטער, אבער מיין קינד?! חלילה וחס...

אויב איז דאס געווען דער טראכט פון די בעלי בתים, די ראשי הקהילה, איז דאס אבער נישט געווען דער טראכט פון אן ערליכע איד. נישט דער רב פון קובנא, נישט דער רב פון לוצין און נישט דער מהר"ם שיק[א] האט דאס געקענט צוזעהן, ביי זיי איז דער חשובות פון א איד געווען עפעס אנדערש. זיי האבן נישט געמאסטן דער חשיבות פון א מענטש לויט וועלכע מצב ער איז יעצט, נאר ווער ער איז באמת...

**וִהְיִיתֶם לִי סְגֻלָּה מִכָּל הָעַמִּים...** דער איד האט א חשיבות וואס איז פיל מער פון אלע פעלקער פון די וועלט, ער איז דער אייבערשטען'ס א קינד, ער איז דער וואס האט זוכה געווען צו ווערן אויסדערוועלט צו זיין א באליבטע סאלדאט אין דער אייבערשטען'ס ארמיי. זיין נשמה קומט פון זייער א הויכע פלאץ מתחת כסא הכבוד, ובצלם אלקים ברא אותם און ער איז דער וואס שרייט אויס, "ה' אלקינו ה' אחד..."

נו, אז דער איד איז אזוי חשוב, איז אודאי זיין ברודער, דער צווייטע איד, אויך אויסדערוועלט געווארן פונקט ווי אים און איז פונקט אזוי חשוב. און אדרבה, עס קען גאר זיין אז זיין ברודער איז גאר חשוב'ער פון אים, ווייל ער שרייט ארויס העכער פון אים דעם "ה' אלקינו ה' אחד..."

**נישט קיין חילוק אויב ער איז א יתום, אן ארימע, א קלוגע אדער א נער, אפי' דער שוואכסטע איד האט באהאלטן אין זיך דאס פונטעלע איד, ווייל אויך זיין נשמה קומט מתחת כסא הכבוד, ער איז אויך א בן מלך וואס איז זייער חשוב און וועט נאך איין טאג שיינען און לייכטן.**

און אט דאס מאכט אונז אלע פאר איינס, מיר אלע זענען זיך מבטל אונטער איין איינציגע באשעפער און מיר אלע זענען די זעלבע טייער און חשוב פארן הייליגן באשעפער.

**שׁוֹמֵר גּוֹי אֶחָד, שְׁמוֹר שְׁאֵרִית "עַם אֶחָד", וְאַל יֹאבַד גּוֹי אֶחָד, הַמְיַחֲדִים שִׁמְךָ ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד...**

## וואס האט דער צמח צדק געזאגט נאכן זיך באגעגענן מיט די זעקס הונדערט אידישע קאנטאניסטן?

בעת עס איז פארגעקומען די גרויסע אסיפה אין פעטערבורג בשנת תר"ג וואס האט זיך געצויגן פאר דריי חדשים, האט דער אויפזעהער פון די קאנטאניסטן אין יענע געגנד אריינגעגעבן א פערזענדליכע בקשה אז מען זאל ערלויבן דעם צמח צדק זיך צו טרעפן מיט די מיליטערלייט און רעדן פאר זיי אפאר ווערטער... מען האט נאכגעגעבן דעם פארלאנג און דער רבי האט דעמאלטס געגעבן זייער א שטארקע דרשה מלא רגש פאר די גרופע פון אידישע קאנטאניסטן.

ווי נאר דער רבי האט געענדיגט זיין דרשה, האבן פופצן מיליטערלייט פון די גרופע צושפאצירט צום רבי'ן און מיט א ביטערע קול געזאגט פארן רבין, "רבי, מיר זענען צוקלאפטע און צובראכענע אידן, מיר קענען נישט לערנען, מיר קענען נישט קיין הלכות, די איינציגסטע זאך וואס מיר קענען איז עטליכע ווערטער פון די וואכנדיגע תפילות, אביסל פון די שבת'דיגע תפילות, ברכות המזון און עטליכע קאפיטלעך תהילים..."

דער רבי האט געגעבן א קוק אויף אלע זעקס הונדערט אידישע מיליטערלייט וואס שטייען פאר אים און זיך אנגערופן: א איד וואס גלייבט אין דער אייבערשטער וואס האט אונז געגעבן די תורה ומצוות, ער גלייבט אז דער בורא העולם קוקט זיך אום אויף זיינע בריאים און **דער איד דאווענט, ער בענטשט, ער זאגט אפאר קאפיטלעך תהילים, ער איז א שטארקע און געזונטע איד, ער איז געזונט בגוף און געזונט בנשמה...** און דער אייבערשטער וועט אייך זיכער צוריק ברענגען געזונט און שטארק צו אייערע שטובער.

דער מעמד האט זיך געענדיגט און דער צמח צדק איז צוריק צו זיין וואוינונג. פארנאכטס, האבן זיך עטליכע פון די גאר נאנטע חסידים פארזאמלט אינעם שטוב פונעם רבי'ן, וועלנדיג הערן די רבי'ס התרגשות איבער די אידישע מיליטערלייט, וואס אפי' נאך אזויפיל יאר אונטער די בארבארישע הענט, דאך איז נאך געבליבן אין זיי די פינק פון אידישקייט...

**האט דער רבי געזאגט**: די גזירת הקאנטאניסטן איז גלייך ווי די מלחמה פון די יונים, וואס זייער מלחמה איז אויך געווען א מלחמה אנטקעגן די רוחניות... איר קענט נישט באגרייפן די טייערקייט און די ווערד פון די תפילות און די תהילים פון די מיליטערלייט, וואס זייערע מדריגות זענען פיל העכער ווי די וואס דאווענען על פי כוונות האריז"ל ווייל זייער עבודה איז פיל מיט מסירת נפש און א געוואלדיגע אמונה פשוטה, אן קיין שום אנדערע שכל'דיגע חשבונות.

ווען משיח וועט קומען, וועט ער זיך עקסטער פרייען מיט די אידן, בעלי מסירת נפש וואס האבן געהאט גרויסע השגות און באמת געגלייבט אינעם אייבערשטען, פונקט ווי דער רמב"ם וואס האט משיג געווען דעם אייבערשטען מתוך הכרה. און משיח וועט זיך וואונדערן ווי אזוי אזעלכע פשוט'ע אידן האבן געהאט אזעלכע גרויסע רוחניות'דיגע כוחות!

**וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ אֲנִי ה'...**

[א] ווי באקאנט האט דער קאלט-בליטיגקייט פון די ראשי קהילה אין וואלקאוויסק זייער שטארק געארט פארן מהר"ם שיק און ער האט פארפירט ביים עולם אז זיי זאלן זיך צוזאם נעמען און נישט לאזן פארפירן פון די ראשי קהילה. ער אליין בראשם, צוזאמען מיט נאך אסאך אידן, האבן צובראכן דעם פארשפארטן צימער און באפרייט פיל קינדער...

נאר ווען קען א איד באמת מקיים זיין דעם "**ואהבת לרעיך כמוך**" (ויקרא יט, יח)? אויב מען ווייסט און מען פארשטייט אז "**אני ה'**". עס איז נאר דא איין איינציג גאט און מיר אלע זענען איינציג חשוב פאר אים... אבער אויב עס פעלט אין דעם ידיעה פון "אני ה'", יעדער מיינט אז ער קען עפעס, ער טוט עפעס, ער איז חשוב, איז טאקע שווער צו מקיים זיין דעם "**ואהבת לרעיך כמוך**" ווייל יענער איז דאך פארט נישט אזוי חשוב ווי מיר.

און טאקע דאס האט פאסירט תיכף ביים אנקומען צו בארג סיני, ווי דער פסוק זאגט: **וַיִּחַן שָׁם יִשְׂרָאֵל נֶגֶד הָהָר...** (שמות יט ב). היות מען רעדט פון א רבים, וואלט געדארפט שטיין "**ויחנו" שם ישראל**. נאר טאקע דאס וויל דער פסוק אונז לאזן הערן. ווי נאר די אידן זענען אנגעקומען צו מדבר סיני, האט די זוהמה זיך אפגעטוהן פון זיי און זייער דעת איז געווארן קלאר. און ווען דער דעת איז קלאר, ווערט א מורא'דיגע אחדות, **וַיִּחַן שָׁם יִשְׂרָאֵל נֶגֶד הָהָר...** דער עולם האט געלעבט צוזאמען כאיש אחד בלב אחד. (אנדערש ווי אלע אנדערע חניות וואס זענען געווען פיל מיט תערומות און מחלוקת.) (עיי"ש פי' רש"י בשם המדרש)

~

און מיט אט די הקדמה, קען מען גוט פארשטיין די וואכעדיגע פרשה!

## בְּשִׁבְעִים נֶפֶשׁ יָרְדוּ אֲבֹתֶיךָ מִצְרָיְמָה...

פארוואס שטייט בלשון יחיד בְּשִׁבְעִים "נֶפֶשׁ" און נישט בלשון רבים בְּשִׁבְעִים "נפשות"?

זאגט דער בן איש חי: אט טאקע דאס איז דער מעלה וואס א איד האט און א גוי נישט! עס קען זיין זיבעציג עקסטערע נפשות און מיט זייער אהבה און געפיל איינער פארן צווייטן, קענען זיי ווערן אזוי נאנט אז עד כדי כך, מען זאל זיי פארעכענען ווי איין נפש...

אבער דאס איז טאקע נאר ווען מיר זענען באחדות, דהיינו מיר האלטן זיך פאר איינס, מיר פילן באמת אז יענער איז פונקט אזוי חשוב ווי מיר און פאר יענעם דארף אויך זיין אזוי גוט ווי ביי מיר.

ווי דער כלי יקר שרייבט אין פרשת ויגש (בראשית מו כז) אויף די פסוק: וּבְנֵי יוֹסֵף אֲשֶׁר יֻלַּד לוֹ בְמִצְרַיִם **נֶפֶשׁ** שְׁנָיִם, כָּל **הַנֶּפֶשׁ** לְבֵית יַעֲקֹב הַבָּאָה מִצְרַיְמָה שִׁבְעִים. פארוואס איז "נפש" בלשון יחיד?

זאגט דער כלי יקר: דער לשון "נפש" ווייסט אויף אחדות. ווי דער כלי יקר שמועסט דארט אויס בהרחבה די געוואלדיגע צדקות פון יוסף הצדיק און די הייליגע ברודער. אמת, אין אנהייב זענען זיי געווען ווי צוטיילטע נפשות, אבער יעצט נאך די באגעגעניש זענען זיי אלע געווארן ווי איינס, איין נפש. די ברודער האבן אפגעטוהן די קנאה פון זייער הערצער, יוסף האט אפגעטוהן די ווייטאג פון זיין הארץ און יעצט זענען זיי אלע געווארן אייניג, פיל מיט ליבשאפט איינע צום אנדערן ווי איין מענטש.

דערפאר, דייקא נאר ביים איד ווערט מען געפונען דעם לשון יחיד פון נפש, אפי' ווען עס האנדלט זיך פון עטליכע נפשות. משא"כ ביים גוי, ווערט אייביג שטיין נפשות, ווייל זיי קענען זיך קיינמאל נישט פאראייניגן אזוי שטארק צו זיין ווי איין נפש! נאר אדרבה, געבט א קוק וואס דער פסוק זאגט ביי עשו (בראשית לו, ו): **וַיִּקַּח עֵשָׂו אֶת נָשָׁיו וְאֶת בָּנָיו וְאֶת בְּנֹתָיו, וְאֶת כָּל נַפְשׁוֹת בֵּיתוֹ...** ס'ה רעדט מען דא פון דריי ווייבער מיט עטליכע קינדער און דאך זאגט דער פסוק: וְאֶת כָּל "נַפְשׁוֹת" בֵּיתוֹ... טאקע ווייל ביי א גוי איז יעדער איינער ווי אן עקסטערע נפש, אפי' ווען עס זענען דא נאר צוויי אדער דריי נפשות.

און טאקע דאס איז דער פסוק מרמז: **בְּשִׁבְעִים נֶפֶשׁ יָרְדוּ אֲבֹתֶיךָ מִצְרָיְמָה וְעַתָּה שָׂמְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ כְּכוֹכְבֵי הַשָּׁמַיִם לָרֹב.** בעת וואס מען ברענגט ארויס די ליבע וואס א איד דארף האבן פארן הייליגן באשעפער אז ער האט אונז אזויפיל פארמערט, דארף מען געדענקען אז די סיבה פארוואס מיר האבן אייביג מצליח געווען איז נאר ווייל בְּשִׁבְעִים **נֶפֶשׁ**... מיר האבן זיך געהאלטן ווי איינס.

## דער עוללות אפרים איז מסביר פארן מושל העיר...

דער הייליגע עוללות אפרים איז אמאל געגאנגען צום מושל העיר שתדל'ן פארן די אידן אין יענע שטאט. עס איז דארט געווען א גלח, א שונא ישראל, וואס האט נישט געוואלט אז דער מושל זאל אויסהערן דעם רב און איז געקומען צו לויפן תוך כדי און בארעדט דעם אידישן פאלק. ער האט געזאגט מיט אייטער, "ווי קען דער מושל פארגוטיגן דעם אידישן פאלק, ווען אין זייער תלמוד שרייבן זיי, "**אתם קרויים אדם, ואין עומות העולם קרויים אדם**" (ב"מ קיד: יבמות סא.). זיי פארעכענען אונז ווי בהמות און זיי קומען נאך בעטן טובות פון אונז?!"

דער רב האט זיך נישט פארלוירן און געענטפערט מיט אן איידעלע טאן, "איי, ווי גרויס זענען די ווערטער פון חז"ל וואס האבן געזאגט אז א גוי טאר נישט לערנען תורה! יא, ער קען ליינען די ווערטער פון חז"ל אבער פארשטיין, וועט ער קיינמאל נישט!" און דער רב האט מסביר געווען, "אמת, עס שטייט אזוי אין נביא (יחזקאל לד, לא) "**אדם אתם**" און חז"ל דרש'נען דארט אז די אידן הייסן אדם אבער די גויים נישט, אבער דער כוונה איז בכלל נישט דאס וואס איר מיינט, די כוונת החז"ל איז געווען עפעס אינגאנצן אנדערש..."

"ווען מען איז מדייק, טרעפט מען פיר סארטן נעמען וואס מען רופט אן א מענטש: איש, גבר, אנוש און אדם. מען קען טרעפן א לשון רבים נאר ביי דריי: אישים, גברים און אנשים, אבער נישט ביי "אדם", איר וועט קיינמאל נישט טרעפן דער לשון "אדמים". פארוואס? ווייל דער ווארט "אדם" איז א לשון יחיד און עס האט נישט קיין לשון רבים."

"דאס איז געווען דער כוונה פון חז"ל. **ואין עומות העולם קרויים אדם**, די גויים קענען נישט אנגערופן ווערן "**אדם**", ווייל זיי זענען אזוי ווי אסאך מענטשן, דהיינו יעדער לעבט פאר זיך, יעדער זארגט זיך פאר זיך אליין. אדרבה, איך פרעג אייך? וואס האבן די איינוואוינער פון די שטאט מיט די איינוואוינער פון די אנדערע שטאט, וואס באדערט א מענטש אויב זיין שכן הונגערט, וואס באדערט א מענטש אז יענער מענטש איז נישט געזונט?"

"משא"כ, **אתם קרויים אדם.** ביי די אידן איז דער ענין אינגאנצן אנדערש. זיי קענען יא אנגערופן ווערן "**אדם**" ווייל זיי זענען ווי איין פאלק ממש, זיי לעבן איינע מיט די אנדערע מיט איין אינטערעסע. אויב א איד אין א געוויסע מדינה וועט חלילה ליידן, וועט א איד אין א צווייטע מדינה זיך מצער זיין. אויב זיין שכן הונגערט, וועט דער איד זוכן אלע וועגן אים צו העלפן, ווייל **מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ**, דאס איז אונזער שיינקייט און אויף דעם איז טאקע דא וואס צו מקנא זיין!"

דער מושל העיר איז זייער נתפעל געווארן פון דעם שיינע טייטש און אויסגעלויבט די אמת'דיגקייט פון די מדה, צולייגנדיג אז ער איז מקנא די אידן...

ער האט טאקע באלד ערפילט דעם רב'ס בקשה און פאר אלע אידן אין יענע שטאט איז געווארן פריילך...

## הלל הזקן רעדט צום גוי זיין שפראך...

מיר אלע קענען די גמרא אין שבת (לא.) ווי די גמרא דערציילט וועגן דעם גוי וואס איז געקומען צו הלל זיך מגייר זיין מיט דעם מאדנע בקשה אז ער וויל לערנען די גאנצע תורה אבער נאר ווילאנג ער קען שטיין אויף איין פיס. הלל האט אים געזאגט, "**דעלך סני לחבריך לא תעביד**". פרעגט דער חידושי הרי"ם: פארוואס האט דאס הלל געדארפט זאגן אויף אזא אופן? פארוואס האט ער דאס נישט געזאגט אויפן זעלבן וועג ווי עס שטייט אין די תורה, "**ואהבת לרעיך כמוך**"?!

זאגט דער חידושי הרי"ם: ווייל דאס איז דאס מערסטע וואס א גוי קען פארשטיין, דו קענסט אים מסביר זיין אז ער זאל נישט טוהן פאר א צווייטן א שלעכטע זאך וואס וואלט פאר אים אויך וויי געטוהן, דהיינו א "לא תעשה".

אבער צו פארשטיין דעם ענין מיט א עשה, "**ואהבת לרעיך כמוך**": דו זאלסט ליב האבן דיין חבר פונקט ווי דיר אליין, זיין ווייטאג זאל זיין דיין ווייטאג, זאלסט טוהן פאר אים וואס דו וואלסט געטוהן פאר דיר, דאס איז שוין למעלה משוגתו, עס איז אוממעגליך פאר א גוי צו פארשטיין אז עס עקזיסטירט א מציאות אז איינער זאל ליב האבן א צווייטן פונקט ווי זיך אליין...

דערפאר, איז דאס נישט געווען מעגליך פאר הלל צו מסביר זיין פאר א גוי וואס קומט זיך יעצט מגייר זיין און ער האט אים געדארפט זאגן דעם לשון, "**דעלך סני לחבריך לא תעביד**".

**משא"כ דער איד, וואס ער און זיינע אידישע ברודער, אלע האבן א געוואלדיגע חשובות און אלע זענען די זעלבע חשוב ביים טאטע'ן אין הימל, אלע קומען פונעם זעלבן הויכן פלאץ, אלע האבן די זעלבע מעגליכקייט צו שיינען און לייכטן, זיי קענען יא מקיים זיין דעם "ואהבת לרעיך כמוך"...**

**וּמִי כְעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל גּוֹי אֶחָד בָּאָרֶץ...**

# מוסר השכל:

שטייענדיג באלד צוויי הונדערט יאר נאך די גזירת הקאנטאניסטן, פרעגט זיך דער שאלה, "ווי אזוי איז אונזער ייחס היינט-צו-טאגס כלפי די ארימע און נעבעכדיגע קינדער אדער בחורים?

טוהן מיר אזוי ווי די רבנים און ווארימע אידן וואס האבן זיך געזארגט, מיטגעפילט, מחזק געווען, מחשיב געווען און געטוהן וואס זיי קענען נאר אז די קינדער זאלן בלייבן ערליך?

אדער פירן מיר זיך ליידער אויף צו די אומשולדיגע קינדער ווי די אמאליגע ראשי הקהילה פון יענע צייטן?

ווער געבט אונז רעכט צו מחליט זיין אויף סיי וועלכע נפש מישראל און זאגן, "**אך, וואס וועט שוין פון אים אויסוואקסן! ווער דארף אים האבן?!**" צו קענען מיר דען באגרייפן וואס פאר א שיינקייט עס קען נאך פון די קינדער ארויסקומען...

ווער זענען געווען די פיר הונדערט קאנטאניסטן פונעם שטאט קיעוו וואס האבן זיך ברצון דערטראנקן אינעם טייך "דאנייאטע" פארנט פונעם צאר נוקאלי, למען כבוד שמו יתברך? ווער זענען געווען די וואס זענען געווען גרייט צו כאפן ביטערע שלעק רק למען כבוד שמו יתברך? דאס זענען געווען די פיל ארימע און צובראכענע קליינע קינדער וואס מען האט אוועקגעשיקט אומ'יושר'דיג...

דער צער נוקאלי האט געניצט דעם סלאגאן, "**איין צער, איין פאלק און איין רעליגיע**", עפעס וואס קען נישט זיין און וועט קיינמאל נישט זיין, אבער מיר אידן שרייען אויס הויעך, "**איין גאט, איין פאלק און איין רעליגיע**", עפעס וואס מיינט זייער אסאך און וועט אייביג זיין...

## מעשה רב:

ר' יענק'לע גאלינסקי דערציילט (בספרו והגדת "אלול" דף 102): איינמאל איז ער אריין צום סטייפלער גאון. דער גאון האט זיך אזוי געפריידט צו אים, זאגנדיג דערביי, "ר' יעקב, היינט האב איך מחדש געווען א פשט לאמתה של תורה, הלכה למעשה."

"הער זיך גוט צו. חז"ל דערציילן (רש"י בראשית כט, יא) אז יעקב אבינו איז ארויס צו חרן אנגעלאדענט מיט גאלדענע צירונגען צו געבן פאר די פרוי וואס ער וועט חתונה האבן מיט אין חרן."

"דערווייל, האט עשו געשיקט זיין זוהן אליפז צו הרג'נען יעקב, אבער וויבאלד ער איז אויפגעצויגן געווארן ביי יצחק אין שטוב, האט ער זיך צוריקגעהאלטן פון אים הרג'נען און אנשטאט דעם, מקיים געווען דעם טאטע'נס פסק דורך אוועקנעמען אלע געלט און צירונגען. עני חשוב כמת."

**זאגט דער סטייפלער**, "איר פארשטייט וואס דא גייט פאר?! מען שיקט אים הרג'נען און ער באגניגט זיך מיט א האל"ד א"פ! פארוואס? ווייל ער איז ערצויגן געווארן ביי יצחק!"

"פרעגט איך דיר... ווען יצחק האט אים מחנך געווען, וואס האט יצחק געקלערט וועט שוין אויסוואקסן פון דעם בחור? ער איז דאך געווען א משחת (עי' רש"י בראשית לו), דער טאטע פון עמלק?!"

"נאר זעהט אויס אז עס איז כדאי צו האלטן א בחור, א משחת, אין ישיבה, כדי ער זאל אויסוואקסן א רויבער אנשטאט א רוצח!!!"

פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון אדער צו באקומען וועכנטליך אויף אי-מעיל,
קענט איר זיך פארבינדן מיטן עורך: torah10952@gmail.com